18 די יידן האָבּן דעריבּער געענטפערט און געזאָגט
צו אים: וואָס פאַר אַ צייכן ווייזט דו אונז, אַז דו
19 טוסט די דאָזיקע זאַכן? האָט ישוע געענטפערט
און געזאָגט צו זיי: צעשטערט דעם דאָזיקן היכל,
20 און אין דריי טעג וועל איך אים אויפשטעלן. אַזוי
האָבּן די יידן געזאָגט: זעקס און פערציק יאָר איז
דער דאָזיקער היכל געבּויט געוואָרן, און דו שטעלסט
21 אים אויף אין דריי טעג? ער אָבּער האָט גערעדט
22 וועגן דעם היכל פון זיין אייגענעם גוף. דעריבּער,
ווען ער איז אויפגעשטאַנען פון די טויטע, האָבּן
זיך זיינע תלמידים דערמאָנט, אַז ער האָט דאָס
דאָזיקע געזאָגט; און האָבּן געגלויבּט אין דער
(הייליקער) שריפט און אין דעם וואָרט, וואָס ישוע
האָט געזאָגט.
23 און בּעת ער איז געווען אין ירושלים דעם יום
טוב פּסח, האָבּן אַ סך געגלויבּט אין זיין נאָמען,
24 זעענדיק די נסים, וואָס ער האָט געטון. ישוע
אַליין אָבּער האָט זיך זיי נישט פאַרטרויט, ווייל
25 ער האָט אַלעמען געקענט, און נישט בּייטיק געהאַט,
אַז עמיצער זאָל עדות זאָגן וועגן דעם מענטשן;
וואָרום ער אַליין האָט געוואוסט וואָס עס איז
אין אַ מענטשן.

## קאַפּיטל דריי

1 און עס איז געווען אַ מאַן פון די פּרושים, ער
2 האָט געהייסן נקדימון, אַ שר בּיי יידן; דער
דאָזיקער איז געקומען צו אים בּיינאַכט, און האָט
צו אים געזאָגט: רבּי, מיר ווייסן, אַז דו בּיסט אַ
לערער, געקומען פון ג-ט; וואָרום קיינער קען
נישט טון די דאָזיקע נסים, וואָס דו טוסט, אויבּ
3 ג-ט איז נישט מיט אים. האָט ישוע געענטפערט